## קאַפּיטל אַכצן

# די יובילייען: 1908—1928 און 1908—1938

צוויי מאָל האָט „הײנט" געפּראַוועט יובילייען: אין 1928, צום 20טן יאָרטאָג, און אין 1938 — צו זײַן 30־יעריקער עקזיסטענץ. לכבוד ביידע געלעגנהייטן זײַנען דערשינען יובל־ביכער מיט אַ רײַכן פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און ליטעראַריש־קינסטלערישן אינהאַלט. זיי פאַרמאָגן וויכטיקע אַרטיקלען און שטודיעס, וואָס האָבן גרינטלעך באַהאַנדלט די לאַגע פון די ײדן אין פּוילן און אין דער וועלט, די פּאָליטישע לאַגע פון ציוניזם און די דערגרייכונגען אין ארץ־ישׂראל. אַ טייל אַרטיקלען, באַזונדערס די, וואָס באַציִען זיך צו פּוילן, האָבן די מחברים אילוס־טרירט מיט דעטאַלירטע סטאַטיסטישע טאַבעלעס און דאָס איז אַ ווערטפולער צושטייער צו דער פאָרשונג פון ײדישן מצב אין פּוילן אויפן שוועל פון חורבן. די יובל־ביכער זײַנען גרויסע בענד, אַ האַלבע זײַט פון צײַטונג־פאָרמאַט.

דאָס ערשטע בוך הייסט „הײנט־יובליי־בוך תרס"ח — תרפ"ח 1908 — 1928"*. די הילע האָט געצייכנט דער קינסטלער יצחק ברוינער (1889—1944) אין צוויי קאָלירן, אין סטיל פון די הילעס פון אַלטע ײדישע ספרים. בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע האָט ברוינער געלעבט פון פאַרשידענע מלאכות אין לאָדזשער געטאָ, אויך פון שפּילן פידל. די דײַטשן האָבן אים געכאַפּט ווען ער איז געגאַנ־גען אין גאַס מיט דער פידל אין אַ לײַוונט זעקעלע און אַזוי האָט מען אים אַוועקגעפירט קיין אַשוויענטשים. ער איז אומגעקומען אין עלטער פון 57 יאָר.

דאָס בוך האָלט 216 זײַטן און האָט עטלעכע צענדליק פאָטאָגראַפיעס. עס איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר 1.90 זל. צוזאַמען מיט דעם פרײַטיק־נומער פון „הײנט". אין פרייען פאַרקויף איז דער פרײַז געווען 4 זלאָטעס.

ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער טערמין פון דעם 20־יאָריקן יובליי,

* לכתחילה איז דער געדאַנק געווען צו דרוקן די יובל—אויסגאַבע ווי אַ ספּעציעלן נומער פון „הײנט", אָבער ווען דער רײַכער מאַטעריאַל און די גרויסע צאָל אַנאָנסן האָבן ווײַט איבערגעשטיגן דעם צײַטונג־פאָרמאַט איז דער נאָמען געטוישט געוואָרן אויף „הײנט־יובליי־בוך", אַזוי ווי דער טיטל איז געדרוקט אויף דער הילע און אויף דער ערשטער טעקסט־זײַט. דאָס גאַנצע בוך איז שוין דעמאָלט געווען אָפּגעדרוקט און דעריבער האָט מען די איבערשריפט אויף די אַנדערע זײַטן נישט געקענט טוישן. זי איז געבליבן ווי פריער — „הײנט" יובליי־נומער.

האָט זיך געשאַפן אַ בירגערלעכער קאָמיטעט פון יידישע פערזענלעכקייטן, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט דעם ווייטערדיקן אויפרוף:

„היינט" פייערט זיין צוואַנציק־יאָריקן יובילײ. אַ שווערע און שפּעריִשע תּקופה זיינען געווען די דאָזיקע צוואַנציק יאָר — אַ תּקופה פון גרויסע אומגליקן און קאַטאַסטראָפעס, פון מעכטיקן געראַנגל, דערוואַכן און אויפלעבן. אין דער דאָזיקער תּקופה איז „היינט" תּמיד געווען דער שופר פון די נייע אויפלעבונג־געדאַנקען, דער וואָרטפירער און פאַנטרעגער פון דער אויפלעבונג־באַוועגונג. ער האָט געפלאַנצט און געפלעגט דאָס יידישע נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין, ער האָט געוועקט צום קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג, ער האָט געשטיצט מיט אַלע כּוחות יעדע שעפעריִשע טאַט אויף אַלע געביטן אינעם יידישן פאָלקסלעבן.

די בעסטע כּוחות פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן געפונען אין „היינט" אַן אָרט פאַר זייער שאַפונג. „היינט" האָט דורכגעבראָכן אַ וועג ביים יידישן מאַסן־לייענער, ער האָט זיך אָבער באַמיט צו הייבן אים העכער, צו דערהייבן אים, אויפצוּוועקן אין אים דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ, דאָס פאַרשטענדעניש פאַר די גרויסע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבעס, וואָס אונדזער תּקופה לייגט אַרויף אויף יעדן געטרייען זון פון יידישן פאָלק.

באַזונדערס אין די לעצטע צען יאָר, זינט פּוילן איז געוואָרן אומאָפּהענגיק, איז „היינט" דער אָנפירנדיקער אָרגאַן פון דער יידישער אויפלעבונג, פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין אַלע גרויסע אויפטוען, אין אַלע היסטאָרישע געשעענישן, האָט ער זיין אָנפירנדיק וואָרט געזאָגט. גערופן האָט ער צום קאַמף און געשטאַרקט בעת די ליידן, מיטגעריסן האָט ער אין דער צייט פון אויפשוווּנג און נישט געלאָזט פאַרגעסן זיך און אייַנזינקען אין יאוש אין די מאָמענטן פון ירידה.

אַזוי האָט „היינט" געדינט דעם יידישן פאָלק און זיין אויפלעבונג־אידעאַל די גאַנצע צוואַנציק יאָר, אַזוי דינט ער אויך היינט! קיין שום שטערונגען קענען אים נישט אַראָפּפירן פון שווערן וועג, וועלכן ער האָט געוואָלט און אויף וועלכן ער וויל פירן זיינע לייענערס.

און דעריבער איז דער יום־טוב פון „היינט" דער יום־טוב פון ערלעכן נאַציאָנאַלן יידישן וואָרט, דער יום־טוב פון אונדזער אויפלעבונג־באַוועגונג, פון פּוילישן ציוניזם. דעם דאָזיקן יום־טוב רופן מיר אייך צו פייערן צוזאַמען מיט אונדז!"

דער יובל־קאָמיטעט האָט איינגעאָרדנט אַ גרויסע אַקאַדעמיע אין וואַרשע אין קאַמינסקיס טעאַטער. דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט.

דאָס צווייטע יובל־בוך טראָגט דעם טיטול „היינט"־יובל־בוך, תרס"ח — תרצ"ח, 1908 — 1938". דאָס בוך האָט 328 זייטן און איז אילוסטרירט מיט פאָטאָגראַפיעס פון די מיטאַרבעטערס. אַזוי ווי אין ערשטן יובל־בוך, זיינען די פאָטאָגראַפיעס פון די אויטאָרן געדרוקט צוזאַמען מיט די אַרטיקלען. די הילע האָט געצייכנט חיים גאָלדבערג (חגי). געזעצט האָט מען דאָס בוך אין די

זעצערייען „גראַפיקאַ" (אייגנטימער מ. קופּערשטאַק און מ. קראַמאַזש) און „ווקאַגראַף". עס איז געדרוקט געוואָרן אין דריי דרוקערייען: „רענאַמאַ", וואָספּולפראַצאַ" (אייגנטימער אברהם קייזמאַן) און „אוניווערסאַלנאַ" (אייגנ־טימער יעקב הענדלער). די הילע איז געדרוקט געוואָרן אין דער דרוקעריי „ביוראַוואַ" (אייגנטימער יונה ראַכמאַן). די קלישעס האָט געמאַכט חיים גאָלד־בערג אין זיין צינקאָגראַפיע „גראַפּיקאַ". די סטערעאָטיפּ־אַרבעט האָט אויסגע־פירט ל. רינד. דער פרייז פון בוך איז געווען 5 זלאָטעס אין פּוילן און 7.50 זלאָטעס אין אויסלאַנד.ביידע יובליי־ביכער זיינען זיך צעגאַנגען אין צענדלי־קער טויזנטער עקזעמפּלאַרן.

צו פייערן דעם 30־יאָריקן יובל פון „היינט" האָט זיך אויך געשאַפן אַ קאָמיטעט פון אָנגעזעענע פּאָליטישע פירערס, געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוערס און שרייבערס פון פּוילן און פון די יידישע ישובים אין דער וועלט. די נעמען פון די מיטגלידער פון ביידע קאָמיטעטן ווערן געבראַכט אין דריטן טייל.

אין דעם אויפרוף צו דער יידישער געזעלשאַפט, וואָס דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעלאָזט, ווערט געזאָגט:

„דאָס יאָר 1938 באַדייט אַ יובל־דאַטע אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע. מיט 30 יאָר צוריק איז געגרינדעט געוואָרן יענע יידישע טריבונע, וואָס האָט באַוויזן דורכצוברעכן אַ וועג פאַר דעם געדרוקטן יידישן וואָרט צו די ברייטסטע לייענער־שיכטן און צו מאַכן די יידישע צייטונג פאַר אַ דערפאָלג־רייך ווערקצייג אין דעם קאַמף פון דעם אויפלעבנדיקן יידישן פאָלק. אין יאַנואַר 1908 האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דער „היינט", וועלכער האָט, אַ דאַנק זיין טיפער פאַרשטענדעניש פאַר מאַסן־פּסיכאָלאָגיע און זיין דרייסטער באַהאַנד־לונג פון די יידישע לעבנס־פּראָבלעמען, שנעל זיך פאַרשאַפט אַ ריזן־טיראַזש, וואָס קיין שום יידישע צייטונג פאַר אים האָט נישט דערגרייכט. געניסנדיק פון אַן אומגעווייגלעכן צוטרוי און פּאָפּולאַריטעט אויף דער יידישער גאַס, האָט דער „היינט" זיין דאָזיקן פאַרמעג אין גאַנצן געשטעלט אין דינסט פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק, פאַר וועלכן ער האָט דערצויגן מיליאָנען־מאַסן נישט בלויז אין פּוילן, נאָר אויף דעם גאַנצן שטח פון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, ווו עס לעבט דער רוב מנין פונעם יידישן פאָלק.

כדי צו שילדערן אין פולן אומפאַנג דעם אויפטו פון „היינט" אין משך פון זיין 30־יאָריקער עקזיסטענץ וואָלט מען געדאַרפט שילדערן דעם גאַנצן לאַנגן וועג פון אונדזער אויפלעבונג־באַוועגונג, וואָס דער „היינט" איז געווען איר טרייער היטער און פירשפּרעכער אין דער דאָזיקער שטורמישער תקופה. נישטאָ כמעט קיין ווינקל אין יידישן לעבן, ווו עס זאָלן נישט זיין קענטיק די שפּורן פון דעם „היינט"ס ווירקונג און איינפלוס. אומפאַרגעסלעך וועט בלייבן פאַר אונדזער דור די ראָלע פון „היינט" אינעם קאַמף קעגן דער תקיפים־הערשאַפט אין יידישן לעבן אין פּוילן. די מפּלה פון דער יידישער פאָלקס־

פיינדלעכער אסימילאַציע און דער זיג פון דער יידישער פאָלקס־דעמאָקראַטיע — אַט דער היסטאָריש־באַדייטונגספולער פּראָצעס, וואָס האָט ראַדיקאַל פאַרענדערט די פיזיאָנאָמיע פון דער יידישער געזעלשאַפט, איז אין אַ גרויסן טייל דאָס פאַרדינסט פון „היינט", וועלכער האָט מיט אומפאַרגלייכער טאַפּפערקייט און אויסדויער, נישט אַכטנדיק אויף קיין שום דראַונג און קרבנות, געשטורעמט די פּאָזיציעס פון דער גלותדיקער שפלות און געוועקט די פאָלקסמאַסן צו נאַציאָנאַלער זעלבסטווירדע און צו מוטיקן קאַמף פאַר אַ בעסערן גורל.

צוגלייך מיט דער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער דערציִונג פונעם לעזער, האָט דער „היינט", צוזאַמענדיק צו מיטאַרבעט די בעסטע יידישע שריפטשטעלערס און דיכטערס, געשטעלט אין רשות פון דער יידישער ליטעראַטור אַ טריבונע מיט אַ גרויסן רעזאָנאַנס, וועלכע האָט געהאָלפן דעם יידישן קינסטלערישן וואָרט אַריינצודרינגען צווישן די יידישע מאַסן און איינגעפלאַנצט אין זיי אַ פאַרשטענדעניש און באַדערפעניש פאַר די ווערטן פון דער מאָדערנער יידישער קולטור.

אומשאַצבאַר איז געוועזן די לייסטונג פון „היינט" אין די לעצטע צוויי יאָרצענדליק נאָך דער וועלט־מלחמה, ווען ער איז געוואָרן די צענטראַלע טריבונע פאַר דעם יידישן באַפרייונגס־דראַנג אין גלות און פאַר די אָנשטרענגונגען פון אויפבויען די יידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל. אין אַ האַרטנעקיקן קאַמף פאַר דער יידישער זאַך, דורך אַ זעלטענער קאָנסעקווענץ און מסירת־נפשדיקער טרייהייט צו די נאַציאָנאַלע אידעאַלן, האָט דער „היינט" זיך אויסגעקעמפט די דאָזיקע פּאָזיציע. ווי אַ פעלדז אין שטורעמדיקן ים איז ער געשטאַנען אויף דער וואָך פון דער דעמאָקראַטישער יידישער פאָלקס־פּאָליטיק אין גלות און חלוציש־קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער פון דעם ארץ־ישראל־אויפבוי, ליפערנדיק די פאַרביסנסטע שלאַכטן קעגן די אַלע, וואָס האָבן געפּרוּווט צו פאַרמינערן דעם פאַרנעם פון דעם יידישן דראַנג צו מענטשלעכן אויפשטייג און נאַציאָנאַלער אויפריכטונג אָדער צו פאַרפירן די יידישע מאַסן אויף וועגן פון מיראַזשן און פאַלשע האָפענונגען.

אויך אין די איצטיקע שווערע צייטן פאַרן יידנטום אין דער וועלט טראָגט דער „היינט" טרייסט און אויפמונטערונג אין די פאַרחושכטע ווינקלען פון יידישן לעבן. ער דערמוטיקט יעדע טאַט פון זעלבסטהילף און שטאַרקט מאָראַליש דעם יידישן מענטש דורך פאַרטיפן זיין באַוווסטזיין איבער די היסטאָרישע אויפגאַבן פון אונדזער דור.

דער 30־יאָריקער יובל פון „היינט" איז דעריבער אַ יובל פון טרייען ערלעכן דינסט דעם יידישן פאָלק, און דער יום־טוב פון „היינט" איז דער יום־טוב פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער יידישער געזעלשאַפט, וועלכע מעג שטאָלץ זיין אויפן באַזיץ פון אַזאַ ווערטפולער ערנסטער טריבונע.

מיר רופן אַלע פריינד פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער פרעסע צו פייערן דעם

דאַזיקן יום־טוב דורך געבן אַ ווירדיקן אויסדרוק דער פאַרדינטער אַנערקענונג פאַר דער 30־יאָריקער טעטיקייט פון „הײנט" פאַרן ייִדישן כּלל און דערמוטיקן אַזוי אַרום דעם „הײנט" פאַרצוזעצן זײַן דאַזיקן וועג פון קאַמף און אָפּוועער פאַר דער באַפרייונג און אויפריכטונג פון אונדזער שווער־געפּרוווטן פאָלק".

ווען דער אויפרוף איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, זײַנען פון הונדערטער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, פון הונדערטער ייִדישע צענטערס, גרויסע און קלײנע ישובֿים אויף דער גאַנצער וועלט, אָנגעקומען מזל־ברכות צו דעם יום־טובֿ פון דער צײַטונג, וואַרעמע ווונטשן אויסצודויערן אין דעם קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן.

נאָך איידער דאָס יובל־בוך איז דערשינען, חדשים פריער, האָבן לייענערס ספּאָנטאַן אָנגעהויבן אַרײַנשיקן געלט צו אַבאָנירן דאָס בוך פאָרויס. צום סוף פון דעם יובל־בוך איז געדרוקט אַ רשימה פון די אַבאָנענטן, וואָס האָבן אײַנגעצאָלט פאַרן בוך איידער עס איז געדרוקט געוואָרן. די רשימה האָט כּמעט 3.000 נעמען פון לייענערס אין 386 שטעט און שטעטלעך אין פוילן און פון ייִדישע ישובֿים אין 14 לענדער: ארץ־ישראל, אויסטראַליע, אַמעריקע, דרום־אַפריקע, אונגאַרן, בעלגיע, האָלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקײַ, יוגאָסלאַוויע, ענגלאַנד, פראַנקרײַך, רומעניע, שווייץ און שוועדן.